בעזהשי"ת

# דברי חיזוק

## פרשת ראה

**רביה"ק מסאטמאר** - דער יצר הרע קען נישט האבן קיין שליטה אויף דיר נאר אויב דו לאזט זיך!! [עמוד ג]

**שפת אמת** - יעדער איד האט א כח אויסצואווועלן אין גוטס! [עמוד ו]

**בת עין** - וויאזוי קען איך ממשיך זיין 'חסד עליון ואור שפע' אויף דער גאנצער וועלט? [עמוד ז]

**חת"ם סופר** - איך האב די מאכט איבער דער גאנצער וועלט! [עמוד ח]

**אמרי אמת** - אין די הייליגע טעג קענסטו זוכה זיין צו 'רואים את הקולות'! [עמוד ט]

**חידושי הרי"ם** - דער ציל פון אלע קללות איז פאר אונזער טובה! [עמוד יא]

**עבודת עבודה** - ווילסט גערענקן דאס לערנען? לערן מיט א געשמאק! [עמוד יב]

**חת"ם סופר** - די ערגסטע זאך: טון מצוות געצוואונגענערהייט אן קיין חיות [עמוד יד]

**אך פרי תבואה** - ווען מען געבט מעשר באקומט מען שכר שלא כדרך הטבע [עמוד טז]

**אך פרי תבואה** - אז מען געבט צדקה אן א שיעור איז מען מצליח אן א שיעור [עמוד יז]

**כתב סופר** - וויאזוי איז מען זוכה צו באקומען שפע פון דעם אויבערשטן אליין? [עמוד יח]

**כתב סופר** - דער וואס געבט צדקה איז מער צופרידן ווי דער גרעסטער עושר! [עמוד יט]

**נועם אליעזר** - די מצוה פון 'שמחת יום טוב' גייט נאר צוזאמען מיט איידלקייט [עמוד כא]

**נועם אליעזר** - ווילסט זיין פריילעך? האלט זיך קליין! [עמוד כב]

**נועם אליעזר** - פאל נישט אריין אינעם יום טוב ווי א "ליידיג-גייער"! [עמוד כג]

צו זיך איינשרייבן צו באקומען וועכנטליך די גליון

רופט / טעקסט / אימייל צו מכון דברי חיזוק אויף 845-886-0123

ווי אויך פאר סיי וועלכע באמערקונגען קענט איר לאזן א מעסידזש אויפן סיסטעם אדער שיקן א אימייל צו

dc8458860123@gmail.com

חלק מקונטרס הזה הוא מעשי ידי אומן של
הרב ר' יוסף זצ"ל ב"ר אברהם שמואל יהודא שליט"א
שהעתיק, ערך, וליבן חלק מקונטרס הזה, אשתקד פרשת ראה תשפ"ה
נדפס לזכרו ולעילוי נשמתו
יה"ר שהזכות הרבים יעמוד לו לנצח ולנצחים, לו ולדורותיו
ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
רבינו הק' הרה"ק יואל ב"ר חנניה יו"ט זצוק"ל זיעועכ"י
כ"ק אדמו"ר הרה"ק משולם פייש ב"ר מרדכי זצוק"ל מטאהש
כ"ק אדמו"ר הרה"ק שמואל צבי ב"ר אברהם אביש זצוק"ל מספינקא
כ"ק אדמו"ר הרה"ק אליעזר זוסיא ב"ר ישראל אברהם זצוק"ל מסקולען

## - א -

### דער יצר הרע קען נישט האבן קיין שליטה אויף דיר נאר אויב דו לאזט זיך!!

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה (יא, כו).**
[משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל]: זע, איך געב פאר אייך
היינט די ברירה, אויסצואוועלן אין א ברכה אדער אין א קללה

מען דארף פארשטיין די לשון 'ראה' - זעה, ווייל משה רבינו 'רעדט' דאך דא צו די אידן, וואלט זיך געפאסט צו זאגן ענדערש 'שמע' - הער. און בכלל איז די גאנצע לשון 'ראה אנכי נותן לפניכם' איבריג, ווייל די אלע פרשיות זאגט דאך משה רבינו פאר די אידן בשם ה', און פארוואס דוקא דא פעלט אוים צו מאכן די הקדמה 'ראה אנכי נותן לפניכם'.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

עקב

מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז מסביר (דברי יואל תניינא בפרשתן, עמ' ש"נ), אז דער פסוק קומט אונז דא לערנען דעם אופן וויאזוי א איד קען בעז"ה זוכה זיין צו ביישטיין די אלע נסיונות פונעם יצר הרע, ובפרט היינטיגע צייטן בעקבתא דמשיחא, וואס דער יצר הרע פארלייגט אלע כוחות צו פארבלענדן די אויגן אז מען זאל נישט זען דעם אמת, און נישט נאר אז מען זאל נישט זען דעם אמת, נאר מען זאל גאר זען פארקערט פונעם אמת. אזוי ווי דער מסילת ישרים (פרק ג') איז מסביר אז דאס איז פונקט ווי איינער גייט אין די פינסטערניש, וואס דעמאלטס געשעהט צוויי זאכן, סיי ער זעט נישט וואס טוט זיך ארום אים, און סיי אז עס דאכט זיך אים אויף איין זאך אז דאס איז א אנדערע זאך, למשל ווען ער זעט א מענטש מיינט ער אז ס'איז א זויל, און ווען ער זעט א זויל מיינט ער אז ס'איז א מענטש, און אזוי ווייטער . און עס איז ליידער מקוים געווארן די 'תוכחה' (דברים כח, כט) 'והיית ממשש בצהרים כאשר ימשש העור באפילה', און די גמרא (מגילה כד:) איז מסביר, אז ווען עס איז ליכטיג קען אים כאטש א צווייטער ווייזן די וועג, אבער אין די פינסטערניש זעט מען אים נישט. און דער מהרש"א (שם) לייגט צו, אז ווען סתם א מענטש גייט אין די פינסטערניש קען ער כאטש האבן פארשידענע 'סימנים' צו וויסן ווי צו גיין, וויבאלד בייטאג זעט ער יא דעם ריכטיגן וועג. אבער דער בלינדער וואס גייט אין די פינסטערניש, האט סיי נישט קיין 'סימנים', און סיי נישט איינער וואס זאל אים ווייזן די וועג.

דאס זאגן אונז חז"ל (שבת קלח:) 'עתידה תורה שתשתכח מישראל', דאס הייסט אז מען וועט אינגאנצן פארגעסן די 'סימנים' פון די ריכטיגע וועג, און דאס ברענגט ליידער צו אז מען גייט אויף פאלשע וועגן, און מען פאלט אריין אין גרובער און אין דערנער אויף א שרעקליכן פארנעם. ליידער איז דאס אלעס מקויים געווארן היינטיגע צייטן, וואס די מצב איז ליידער אזוי געפאלן, אז מען קען זיך נישט פארשטעלן אז עס קען נאך פאלן מער.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

עקב

דאך טארן מיר אבער נישט זיין געפאלן ביי זיך, ווייל דער אמת איז, אז מיר האבן אלע די כוחות זיך צו שטארקן אויף די פארבלענדעניש פונעם יצר הרע! אזוי ווי דער הייליגער רמב"ם ז"ל שרייבט אין 'אגרת תימן' (ד"ה דעו) אז בשעת אידן זענען געשטאנען ביים 'מעמד הר סיני', איז די ריינע אמונה געווארן איינגעווארצלט אין זייער 'בטבע', און די דאזיגע 'טבע' גייט ווייטער אריבער צו זייערע קינדער עד סוף כל הדורות. ממילא קומט אויס אז ווילאנג מיר ווילן מיט א אמת זיין ערליכע אידן מאמינים בה' ובתורתו, האבן מיר זיכער די כוחות דערצו.

דער יצר הרע האט נאר די כח אונז צו פארבלענדן די אויגן , אויב מיר לאזן זיך ח"ו נאך מיט אונזער אייגענע רצון, דורך דעם וואס מיר ווערן משוחד צו די שלעכטע רצונות און תאוות, וואס דאס האט ליידער די כח אויסצורייסן די הייליגע אמונה וואס איז איינגעווארצלט אין אונז בטבע. אבער ווילאנג מיר האלטן זיך שטארק און פעסט אין די ריינע אמונה, און מיר ווילן דאס באמת מיטן גאנצן הארץ, דעמאלטס איז דער יצר הרע מאכטלאז קעגן אונז.

דאס זאגט דער פסוק 'ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה', ער נוצט א לשון פון 'זען', ווייל די פסוק מיינט אונז צו זאגן מיט דעם, אז מיר זאלן זיך עפענען די אויגן צו זען דעם אמת ביי אלע נסיונות הדור וואס קומען אונטער, און מיר זאלן זיך בשום אופן נישט לאזן פארבלענדן די אויגן, ווייל מיר האבן זיכער די כוחות דערצו.

דאס איז פשט אינעם לשון הפסוק 'אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה', דאס איז אציווי אז מיר זאלן זיך שטארקן מיט די ריינע אמונה, און גלייבן אז אלע גוטס און שלעכטס וואס קומט אויף אונז איז נישט בדרך הטבע ח"ו, נאר 'אנכי נותן', דער אויבערשטער שיקט דאס פאר אונז לויט אונזערע מעשים, אזוי ווי דער רמב"ן איז מאריך אין סוף פ' בא (שמות יג טז) אז דאס איז די יסוד פון אמונה. און ווען מיר וועלן

זיך שטארקן מיט די ריינע אמונה, וועט דער יצר הרע נישט האבן קיין כח אונז צו פארבלענדן די אויגן.

און אויב וועט א מענטש פרעגן: "די כוחות פונעם יצר הרע זענען דאך אזוי שטארק און מאכטפול, ווי אזוי איז מעגליך אז איך - א קליינע שוואכע מענטשעלע - זאל זיך קענען שלאגן מיט אים". אויף דעם זאגט דער פסוק 'ראה אנכי', און דער דעת זקנים זאגט אז דאס איז מרמז אויפן 'אנכי' פון די עשרת הדברות , דאס מיינט צו זאגן דאס וואס מיר האבן פריער געברענגט פונעם רמב"ם, אז בשעת מיר זענען געשטאנען ביים מעמד הר סיני איז די הייליגע אמונה געווארן איינגעווארצלט אין אונז בטבע עד סוף כל הדורות.

און דורך די הייליגע אמונה וואס איז איינגעווארצלט אין אונז, האט יעדער איינציגסטער איד די כוחות זיך צו האלטן פעסט, און צו זען דעם אמת'דיגן אמת, און זיך נישט לאזן פארבלענדן די אויגן, נאר שטיין שטארק און אומבויגזאם קעגן אלע שווערע נסיונות הדור. אבער דאס אלעס איז בתנאי אז ער לאזט זיך נישט נאך פון זיין אייגענען ווילן, דורך שלעכטע רצונות און תאוות, ווי אויבנדערמאנט.

- ב -

**יעדער איד האט א כח אויסצואוועלן אין גוטס!**

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה (יא, כו).**

[משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל]: זע, איך געב פאר אייך

היינט די ברירה, אויסצואוועלן אין א ברכה אדער אין א קללה

דער הייליגער שפת אמת זי"ע ברענגט פון זיין זיידן, דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע, אז די כוונה פון דעם פסוק איז, אז דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין

יעדן איד, א געטליכער כח, אז ער זאל קענען אויפפאסן דעם חילוק צווישן גוטס און שלעכטס, און אויסוועלן בלויז די גוטס. אויף דעם ענין לויבן מיר יעדם טאג דעם אויבערשטן מיט דער ברכה 'הנותן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה' – אז מיר האבן דעם שכל צו מבחין זיין צווישן גוטס, ליכטיגקייט ('יום') און שלעכטס, פינסטערניש ('לילה')[א].

**- ג -**

---

**וויאזוי קען איך ממשיך זיין 'חסד עליון ואור שפע' אויף דער גאנצער וועלט?**

---

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה (יא, כו).**

[משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל]: זע, איך געב פאר אייך

היינט די ברירה, אויסצואוועלן אין א ברכה אדער אין א קללה

לכאורה איז די ווארט 'היום' געווענליך איבריג, ווייל וואס וואלט געפעלט אויב עס שטייט 'ראה אנכי נותן לפניכם ברכה וקללה' . דער הייליגער בת עין זי"ע (בפרשתן בא"ד או"י ראה) איז דאס מבאר מיט דאס וואס די גמרא (קידושין מ:) זאגט: אז ווען א מענטש טוט א מצוה וועגט ער מיט דעם איבער די גאנצע וועלט לכף זכות, און אויב ער טוט ח"ו א עבירה וועגט ער מיט דעם איבער די גאנצע וועלט לכף חוב.

אין ער איז מסביר די פשט אין די גמרא, אז בשעת א מענטש טוט א מצוה איז ער דורכדעם ממשיך א 'חסד עליון' אויף די גאנצע וועלט, און דאס מיינט אז ער וועגט איבער די גאנצע וועלט 'לכף זכות'. און ווען א מענטש טוט ח"ו א עבירה, איז ער

---

[א] וזל"ק (שפת אמת, ראה, תרל"א): אא"ז מו"ר ז"ל הגיד פירוש ראה אנכי נותן לפניכם. שנקבע בכל איש ישראל שיוכל להבחין ולבחור רק בהברכה ועל זה מברכין בכל יום נותן לשכוי בינה כו'.

גורם אז די 'חסד עליון' זאלן צייטווייליג אוועקגיין פון די וועלט, און דאס מיינט אז ער וועגט איבער די גאנצע וועלט 'לכף חובה'. דאס זאגט אונז דער פסוק: 'ראה אנכי', אז א מענטש דארף זיך אליינס גוט באטראכטן, און וויסן אז אלעס ווענדט זיך אין אים, 'נותן לפניכם "היום" ברכה', אז אויב ער טוט 'יעצט' א מצוה, איז ער ממשיך מיט דעם חסדים אויף די גאנצע וועלט, און דאס איז די בחינה פון 'את הברכה אשר תשמעו'. אבער 'והקללה אם לא תשמעו', אז אויב ח"ו ער טוט א עבירה איז ער גורם אז די חסד זאל אוועקגיין פון די וועלט .

אבער דאס איז אלעס נאר 'היום', יעצט בשעת ער טוט די עבירה, ווייל ווען ער טוט נאכדעם תשובה איז ער זוכה צוריק צו ממשיך זיין די 'חסד עליון' און 'אור שפע' אויף די גאנצע וועלט. און דער בת עין ענדיגט צו מיטן לשון: "יהי רצון שנזכה לבחינת תשובה אמיתיות, אור וחסד עליון על כל העולם, אמן כי יהי רצון".

- ד -

---

### איך האב די מאכט איבער דער גאנצער וועלט!

---

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה (יא, כו).**

[משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל]: זע, איך געב פאר אייך

היינט די ברירה, אויסצואוועלן אין א ברכה אדער אין א קללה

די מפרשים וואונדערן זיך אז דער פסוק פאנגט אן 'ראה' בלשון יחיד, און ער ענדיגט צו 'לפניכם' בלשון רבים. זאגט דער הייליגער חתם סופר זי"ע (חת"ס בפרשתן עמ' נ') אז מיט דעם איז דער פסוק מרמז א געוואלדיגע התעוררות פאר א מענטש, ער זאל וויסן ווי ווייט ער טוט אויף מיט זיין אויפירונג, סיי צום גוטן אין סיי צום שלעכטן ח"ו.

ווייל חז"ל זאגן אונז (קידושין מ:) א מענטש דארף זיך שטענדיג פארשטעלן אז די וועלט איז 'מחצה זכאי ומחצה חייב', און אויב ער טוט א מצוה וועגט ער מיט דעם איבער די גאנצע וועלט לכף זכות, און אויב ער טוט א עבירה ח"ו וועגט ער מיט דעם איבער די גאנצע וועלט לכף חוב. קומט אויס אז מיט יעדע 'מעשה' וואס א מענטש וויל טון, דארף ער טראכטן צו זיך: "מיט דעם קען איך ח"ו הרג'ענען די גאנצע וועלט, אדער פארקערט, איך קען מיט דעם אויפלעבן די גאנצע וועלט", אלעס ווענדט זיך לויט די 'מעשה' וואס 'איך' גיי יעצט טון!

דאס זאגט דער פסוק פאר יעדן איד באזונדער: 'ראה' בארעכן זיך גוט ביי דיר אין הארץ, און טראכט שטענדיג אז 'אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה', אז איך מיט מיינע מעשים קען געבן יעדן טאג פאר אלע מענטשן פון די וועלט א 'ברכה' - דורך מיינע גוטע מעשים, אדער ח"ו א 'קללה' - דורך מיינע שלעכטע מעשים, ווייל אלעס ווענדט זיך נאר אין מיר!

- ה -

---

**אין די הייליגע טעג קענסטו זוכה זיין צו 'דואים את הקולות'!**

---

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם (יא, כו-כז).

[משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל]: זע, איך געב פאר אייך היינט די ברירה, אויסצואוועלן אין א ברכה אדער אין א קללה, די ברכה וועט זיין אויב וועט איר זיך צוהערן צו די מצוות פון אייער באשעפער וואס איך באפעל אייך היינט

'פרשת ראה' ליינט מען שטענדיג אדער אום 'שבת מברכים' אלול, אדער 'שבת ראש חודש' אלול. הרה"ק רבי לייבעלע אייגער זי"ע איז מסביר (אמרי אמת בפרשתן, ד"ה הענין

מה) דעם ענין דערפון: ווייל ס'איז דאך באקאנט אז נאכדעם וואס משה רבינו האט צובראכן די ערשטע לוחות, האט ער אין די 'ימי הרצון' פון חודש אלול ביז יום כיפור, אויסגע'פועל'ט דורך זיינע תפלות אז השי"ת זאל געבן די צווייטע לוחות, און דעמאלטס איז צוריק באנייט געווארן די גאנצע קדושה וואס איז געווען ביי 'מתן תורה'.

די זעלבע זאך ממש שפילט זיך איבער יעדעס יאר ווען עס קומען די 'ימי הרצון', אז עס ווערט נאכאמאל נתגלה די קדושה וואס איז געווען בשעת 'מתן תורה', און יעדער איינער קען זוכה זיין דערצו לויט זיין מדריגה, און לויט וויפיל ער גרייט זיך צו מיט א הכנה דרבה צו די הייליגע טעג. דערפאר ליינען מיר דעמאלטס דעם פרשה פון 'ראה', וואס דאס גייט ארויף אויף די רוחניות'דיגע 'ראיה' און השגה פון קבלת התורה וואס מען זעט 'בעיני השכל'. ווייל אויך דאס וואס שטייט ביים מתן תורה (שמות כ טו) 'וכל העם רואים את הקולות' מיינט נישט קיין גשמיות'דיגע ראיה, ווייל מען קען דאך נישט זען קיין קולות, נאר עס מיינט די רוחניות'דיגע השגה און מדריגה וואס זיי האבן דעמאלטס זוכה געווען. די זעלבע זענען מיר זוכה אויך יעדע יאר אין די הייליגע טעג צו 'זען' די 'קולות' וואס זענען דעמאלטס געווען.

און דאס איז פשט אין פסוק 'ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה', דיווארט 'נותן' איז מרמז אויף 'מתן תורה', אזוי ווי מיר זאגן יעדן טאג ביי ברכות התורה דעם לשון 'נותן התורה'. אויך די ווארט 'ברכה' גייט ארויף אויף די תורה, אזוי ווי עס שטייט ווייטער 'את הברכה אשר תשמעו', וואס דאס איז נישט קיין 'תנאי' אז דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צו די ברכה, נאר די 'שמיעה' אליינס דאס איז די 'ברכה'.

און צו דעם קען יעדער זוכה זיין אין די 'ימי הרצון', אבער יעדער איז זוכה לויט זיין מדריגה. וועגן דעם פאנגט דער פסוק אן בלשון יחיד 'ראה', און ער ענדיגט בלשון

רבים 'נותן לפניכם'. ווייל די 'ראיה' און 'השגה' איז נישט גלייך ביי אלע, אבער די 'נתינה' איז יא גלייך ביי אלע, ווייל יעדער איינער איז זוכה עפעס צו באקומען.

דאס איז אונז דער פסוק מבטיח סוף סדרה (טז יז) 'ולא יראה את פני ה' ריקם', אז אין די הייליגע טעג וועט קיין שום איד נישט זיין ליידיג פון אט די דאזיגע השגה און התגלות פון מתן תורה. און דער פסוק ענדיגט צו 'כברכת ה' **אלקיך אשר נתן לך**', אז די התגלות וואס השי"ת וועט משפיע זיין אויף דיר, וועט זיין געוואנדן לויט דיין מדריגה און לויט דיין הכנה אין די הייליגע טעג.

- ו -

## דער ציל פון אלע קללות איז פאר אונזער טובה!

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה (יא, כו).**

[משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל]: זע, איך געב פאר אייך

היינט די ברירה, אויסצואוועלן אין א ברכה אדער אין א קללה

דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע פרעגט, לכאורה שטייט דאך אין פסוק (איכה ג, לח): "מאתי לא תצא הרעות" - אז דער אויבערשטער געבט נישט קיין שום שלעכטס?

נאר דער אמת איז, אז דער ציל פון אלע קללות איז אויך לטובה, כדי מיר זאלן זיך נתעורר ווערן זיך אפצוטיילן פון שלעכטס, דורך דעם פחד פון די עונשים. דאס איז פונקט ווי מען ווייזט פאר איינעם א שטעקן אים אנצושרעקן אז אויב וועט ער זינדיגן וועט מען אים שלאגן דערמיט, וואס דער איינציגסטער ציל דערפון איז, אז ער זאל

ציטערן דערפון און נישט טון שלעכטס, קומט אויס, אז באמת איז דער שורש פון אלע קללות - בלויזע גוטס[ב].

– ז –

**ווילסט געדענקן דאס לערנען? לערן מיט א געשמאק!**

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם** (יא, כו).

[משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל]: זע, איך געב פאר אייך היינט די ברירה, אויסצואוועלן אין א ברכה אדער אין א קללה, די ברכה וועט זיין אויב וועט איר זיך צוהערן צו די מצוות פון אייער באשעפער וואס איך באפעל אייך היינט

הרה"ק מטאהש זי"ע איז מבאר דעם פסוק (עבודת עבודה פתגמי קודש בפרשתן, עמ' ש"ג), לויט דעם וואס ס'איז ידוע (עירובין נד.) אז בעפאר די חטא העגל האט מען נישט פארגעסן קיין שום זאך וואס מען האט געלערנט, נאר נאכן חטא העגל איז נתחדש געווארן די זאך אז מען פארגעסט וואס מען לערנט. זעהט מען פון דעם אז דאס פארגעסן די לערנען נעמט זיך פון די 'זוהמת הגוף', און דערפאר תיכף נאך מתן תורה ווען ס'איז געווען 'פסקה זוהמתן' האט מען גארנישט פארגעסן, נאר נאכן חטא העגל וואס דעמאלטס איז צוריק געקומען די 'זוהמא' האט מען אנגעהויבן צו פארגעסן דאס לערנען. און ממילא קומט אויס, אז ווען א מענטש איז זוכה זיך אויסצורייניגן און

---

[ב] וזל"ק: ברכה וקללה וגו'. ולכאורה כתוב מאתי לא תצא הרעות, וי"ל שגם הקללות ניתנו לטובה כדי לפרוש על ידן מהרע כמו שמראים רצועה כדי שיפחד ולא ירע ומקור הגבורות הוא טוב בזה שממתיק את הדינין לשורשן.

אויסצולייטערן די זוהמא פון זיין גוף, דעמאלטס וועט ער זוכה זיין צו געדענקן אלעס וואס ער לערנט.

דאס קען מען מרמז זיין אין דאס וואס חז"ל דרש'נען (שבת קה.), אז די ווארט 'אנכי' איז נוטריקון א'מירה נ'עימה כ'תיבה י'היבה, ווייל ווען א מענטש שפירט א 'נעימות' און א זיסקייט אין די תורה, דאס ווייזט אז ער האט שוין מכניע געווען די 'זוהמת הגוף' וואס דאס האלט אפ א מענטש פון מרגיש זיין די ליכטיגקייט פון די תורה, און אזא מענטש וועט נישט פארגעסן וואס ער לערנט. דאס איז פשט: 'אמירה נעימה' ווען מען לערנט תורה מיט א זיסקייט, 'כתיבה יהיבה' איז דאס אזוי ווי א זאך וואס איז אראפגעשריבן, וואס דאס בלייבט אויף שטענדיג.

דאס זאגט אונז דער פסוק: 'ראה אנכי' דו זאלסט זען אז דיין לערנען זאל זיין אין א בחינה פון 'אנכי', אז דו זאלסט לערנען מיט א זיסקייט, אז עס זאל זיין בבחינת 'אמירה נעימה כתיבה יהיבה'. ווייל די דאזיגע בחינה פון 'אנכי', דאס איז 'נותן לפניכם היום ברכה וקללה', אין דעם איז געוואנדן די 'ברכה' און די 'קללה'. ווייל אויב וועסטו לערנען ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס וועסטו זוכה זיין צו די 'ברכה' וואס דאס איז דער יצר טוב, און דו וועסט געראטעוועט ווערן פון די 'קללה' וואס דאס איז דער יצר הרע, אזוי ווי חז"ל זאגן (קדושין ל:) "הקב"ה אמר להם לישראל, בני בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין, ואם אתם עוסקין בתורה אין אתם נמסרים בידו".

דאס איז פשט און פסוק (תהלים א א): 'אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב', ער רעכנט אויס דריי שעדליכע גרופעס וואס מען דארף זיך געראטעוועט ווערן פון זיי: 'עצת רשעים', 'דרך חטאים', 'מושב לצים'. און דאס אלעס איז מען זוכה דורך 'כי אם בתורת ה' חפצו', ווען מען לערנט די תורה מיט א 'נעימות' און א חשק.

# - ח -

## די ערגסטע זאך: טון מצוות געצוואונגענערהייט אן קיין חיות

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה: אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם: וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹהֵיכֶם... אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם (יא, כו-כח).

[משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל]: זע, איך געב פאר אייך היינט די ברירה, אויסצואוועלן אין א ברכה אדער אין א קללה, די ברכה וועט זיין אויב וועט איר זיך איינהערן צו די מצוות פון דעם באשעפער וואס איך באפעל אייך היינט, און די קללה וועט זיין, אויב וועט איר זיך נישט איינהערן צו די מצוות פון דעם באשעפער וואס איך באפעל אייך היינט, און איר וועט גיין דינען עבודה זרה

דער הייליגער חת"ם סופר זי"ע ערקלערט, אז די טיפע כוונה דערפון איז: "אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם" – אויב איז מען מקיים די מצוות אויף אן אופן פון "היום", דאס מיינט, אז ער טוט די מצוות מיט א פרישקייט און א שמחה, ווייל יעדן טאג שטעלט ער זיך פאר כאילו די מצוות זענען היינט געגעבן געווארן, און אלע מצוות זענען שפאגל-ניי אין זיינע אויגן, דאן וועט זיין "אֶת הַבְּרָכָה" – אז ער וועט שפירן א 'ברכה' און א אויסטערלישע שמחה און גליק בשעת'ן טון די מצוה אליין, און אויסערדעם וועט ער נאך באקומען אסאך שכר אויף די שמחה וואס ער האט זיך געפריידט בשעת'ן טון די מצוה.

דער פסוק איז ממשיך: "וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹהֵיכֶם... אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם" - אז אפילו אויב א מענטש איז מקיים אלע מצוות, אבער ער טוט נישט די מצוות אויף אן אופן פון "היום", אז ער שפירט נישט קיין חיות אין די מצוות כאילו זיי זענען היינט געגעבן געווארן, נאר די מצוות זענען ווי א שווערע לאסט אויף אים, ער איז זיי מקיים געצוואונגענערהייט 'כמצות אנשים מלומדה', דאן ווערט מקויים: "וְהַקְּלָלָה" - אז ער שפירט חלילה ווי די מצוות זענען א 'קללה' פאר אים, ווייל ער באטראכט זיי ווי א קללה און א שלעכטע זאך, און אויסערדעם וועט ער באקומען גרויסע שטראפן אויף דעם, ווי דער פסוק זאגט (דברים כח, מז), אז אלע ביטערע עונשים וועלן קומען רחמנא ליצלן "תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב" – וויבאלד דו האסט נישט געדינט דעם אויבערשטן מיט א שמחה.

דער פסוק פירט אויס: "לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם" – אז צום סוף וועט ער צוקומען צו דינען עבודה זרה חס ושלום, אפילו אויב יעצט טוט ער נאך מצוות, ווייל אויב די מצוות זענען ווי אן 'עול' אויף אים, וועט ער חלילה אלעס אפלאזן, און אנקומען צו די ערגסטע[ג].

---

[ג] וזל"ק (חת"ם סופר, עמ' נא): ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה. פי' אם המצות חביבים עד שכל יום בעיניהם כדיוטגמא חדשה הרי היא ברכה ושמחה וחדוה בעשית המצוה גופא ועוד עתיד לקבל שכר על אותה שמחה, והיינו את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה"א אשר אנכי מצוה אתכם היו"ם, והקללה הוא אפי' ישמור כל המצות אך הם עליו לעול ומשא ואינו היו"ם והעשי' בעצמה אינו ברכה בעושה על אפו וחמתו כמצות אנשים מלומדה וסופו עונשים מרובה כדכתיב תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב ועבדת את אויביך רחמנא לצלן ומסיים ללכת אחרי אלקים אחרים כי אעפ"י שעובד ה' היום מ"מ כיון שהמצות עליו לעול סופו לעע"ז.

## - ט -

### וזען מען געבט מעשר באקומט מען שכר שלא כדרך הטבע

**לְמַעַן תִּלְמַד לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹהֶיךָ כָּל הַיָּמִים** (יד, כג)

**[דו זאלסט געבן מעשר:] כדי דורכדעם זאלסטו זיך**

**אויסלערנען צו האבן יראת שמים אלע דיינע טעג**

דער הייליגער רבי הערשעלע ליסקער זי"ע ערקלערט: ס'איז באקאנט (קידושין מ:), אז מען באקומט נישט קיין שכר אויף די מצוות אויף דער וועלט, אויב אזוי לכאורה פארוואס זאל א מענטש וועלן מקיים זיין מצוות, ער ווייסט דאך נישט וואס ער וועט באקומען דערויף. דעריבער האט דער אויבערשטער געגעבן איין מצוה וואס מען באקומט יא די שכר דערויף אויף דער וועלט, דאס איז די מצוה פון 'מעשר', ווי חז"ל זאגן (תענית ט.), אז ווען מען געבט מעשר ווערט מען רייך, און דאס איז פארקערט ווי די טבע, אז א מענטש געבט אוועק זיין געלט און ער ווערט גאר רייך דערפון. און פון דעם קענען מיר ארויסלערנען אויף אלע מצוות, אז מען וועט זיכער באקומען אסאך אייביגע שכר אויף יענער וועלט.

דאס איז די כוונה פון דעם פסוק: "לְמַעַן תִּלְמַד לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹהֶיךָ כָּל הַיָּמִים" – דו זאלסט געבן מעשר, און דורכדעם וועסטו זיך ארויסלערנען צו האבן יראת שמים און מקיים זיין אויך אלע אנדערע מצוות[ד].

---

[ד] וזל"ק (אך פרי תבואה): עי"ל על למען תלמד לירא' את ד' אלהיך כה"י. דהנה באמת שכר מצוה בהאי עלמא ליכא וא"כ מהיכן נדע לקיים המצות כיון שלא ראינו השכר ותכלית המצוה, לכן נתנה התורה מצוה א' מצות מעשר שהיא היפוך הטבע שנותן מעשר ומתעשר ומזה נוכל ללמוד לכל התורה וזהו למען תלמד ליראה את ד"א כה"י שיש שכר לפעולתיך.

**- י -**

## אז מען גיבט צדקה אן א שיעור איז מען מצליח אן א שיעור

**נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּכָל מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ** (טו, י)

דו זאלסט געבן צדקה פארן ארעמאן, און דיין הארץ זאל דיר נישט וויי טון ווען דו געבסט פאר אים, ווייל צוליב דער מצוה וועט דיר דער אויבערשטער בענטשן אין אלע דיינע מעשים, און אין אלעם וואס דו וועסט טון

דער הייליגער רבי הערשעלע ליסקער זי"ע ערקלערט: די נאטור פונעם מענטש איז, אז ער וויל נישט געבן פארן זעלבן ארעמאן עטליכע מאל. דעריבער זאגט דער פסוק א דאפלט לשון: "נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ" - זאלסט געבן צדקה אפילו עטליכע מאל פאר די זעלבע צוועק, "וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ" - און דו זאלסט נישט זיין אומפארגינעריש צו געבן 'פאר אים', ווייל דו האסט אים שוין געגעבן עטליכע מאל, "כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּכָל מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ" - ווייל צוליב דעם וועט דיר דער אויבערשטער באצאלן מידה כנגד מידה, אז דו וועסט מצליח זיין 'אין אלעס' וואס דו וועסט טון, אפילו דו האסט שוין איינמאל מצליח געווען, וועסטו מצליח זיין נאכאמאל און נאכאמאל, פונקט ווי דו האסט געגעבן צדקה נאכאמאל און נאכאמאל[ה].

---

[ה] וזל"ק (אך פרי תבואה): עי"ל דהנה טבע האדם שרע בעיניו ליתן לעני א' כמה פעמים לכן כ' התורה נתון תתן לו ואל ירע לבבך בתתך לו לו דייקא כ"פ כי בגלל הדבר הזה יברכך ד' אלקיך בכל מעשך ובכל משלח ידך דהיינו בכ"פ שתעש' הגם שכבר הצלחת פ"א ודו"ק.

## - יא -

### וויאזוי איז מען זוכה צו באקומען שפע פון דעם אויבערשטן אליין?

**נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּכָל מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ** (טו, י)

דו זאלסט געבן צדקה פארן ארעמאן, און דיין הארץ זאל דיר נישט וויי טון ווען דו געבסט פאר אים, ווייל צוליב דער מצוה וועט דיר דער אויבערשטער בענטשן אין אלע דיינע מעשים, און אין אלעם וואס דו וועסט טון

דער הייליגער כתב סופר זי"ע ערקלערט: דער סדר פון עשירים איז, אז ס'פאסט זיי נישט צו געבן צדקה פארן ארעמאן אליין, ווייל דאס איז נישט לויט זייער כבוד, דעריבער שיקן זיי דאס געלט דורך אן אנדערן, וואס דער ארעמאן שעמט זיך צו נעמען געלט פון יענעם. אבער אויב דער מענטש וועט יא אליין געבן פארן ארעמאן וועט דער אויבערשטער אים באצאלן מידה כנגד מידה, אז דער באשעפער אליין וועט אים געבן שפע, און דאן ווען די שפע קומט פון באשעפער אליין, איז נישט מעגליך אז ס'זאל זיין אריינגעמישט דערין עפעס שלעכטס, אבער אויב געבט ער צדקה דורך א שליח, וועט ער אויך באקומען זיין שכר דורך א שליח, און דאן איז מעגליך אז ס'וועט נישט זיין בלויז גוטס, ווייל עס קען זיך אריינמישן דערין אויך שלעכטס חלילה.

דאס זאגט דער פסוק: "נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ" - דו זאלסט געבן אליינס די צדקה פארן ארעמאן, "כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹהֶיךָ" - ווייל צוליב דעם וועט דיר דער אויבערשטער אליין בענטשן. דאס איז אויך מרומז אין דעם אויספיר פון דעם פסוק:

"פָּתֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ לְאָחִיךָ לַעֲנִיֶּךָ וּלְאֶבְיֹנְךָ בְּאַרְצֶךָ" - דו זאלסט אליינס עפענען דיין אייגענע האנט פאר די ארעמעליט, און נישט שיקן דורך א צווייטן[י].

## - יב -

### דער וואס געבט צדקה איז מער צופרידן ווי דער גרעסטער עושר!

בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּכָל מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ: כִּי לֹא יֶחְדַּל אֶבְיוֹן מִקֶּרֶב הָאָרֶץ עַל כֵּן אָנֹכִי מְצַוְּךָ לֵאמֹר פָּתֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ לְאָחִיךָ לַעֲנִיֶּךָ וּלְאֶבְיֹנְךָ בְּאַרְצֶךָ (טו, י-יא)

צוליב דער מצוה [פון צדקה] וועט דיר דער אויבערשטער בענטשן אין אלע דיינע מעשים, און אין אלעם וואס דו וועסט טון, וויבאלד עס וועט זיך קיינמאל נישט ענדיגן קיין ארעמעלייט פון דער וועלט, דעריבער דארף מען זיין געווארנט צו געבן צדקה

דער הייליגער כתב סופר זי"ע פרעגט, לכאורה זעען מיר דאך אסאך מענטשן וואס זענען אכזרים און געבן נישט קיין צדקה, און מיט דעם אלעם זענען זיי שיין מצליח, און האבן גרוים עשירות?

---

י וזל"ק (כתב סופר): עי"ל פירוש הקרא כי דרך העשירי' שהם בושים ליתן לעני בעצמו כי אין זה כבודם ולכן שולחי' ע"י אחר שהעני בוש מפניו לקבל ממנו, והנה אם הוא בעצמו נותן לעני גם הקב"ה בעצמו משגיח עליו ליתן לו שכרו ע"ז ולא יוכל שיהי' מעורב בו דבר רע כאשר האריכו בזה המחקרי' אבל אם הוא נותן ע"י ממוצע לעני גם שכרו יקבל ע"י ממוצע ויוכל להיות שלא יהי' כולה טוב וז"ש נתן תתן לו הוא בעצמו כי בגלל הדבר הזה שאתה נותן בעצמך יברכך ה' אלקיך בעצמו ומסיים פתוח תפתח את ידך לאביונך תפתח את ידך ממש ליתן לעני וק"ל.

נאר איינער וואס געבט נישט קיין צדקה איז קיינמאל נישט צופרידן מיט וואס ער האט, אפילו ער האט גאר אסאך געלט וועט ער אלץ גלוסטן צו נאך, און אזא איינער ווערט נישט אנגערופן א 'עושר', ווייל חז"ל זאגן (אבות ד, א): 'איזהו עשיר השמח בחלקו', אז נאר דער וואס איז צופרידן מיט וואס ער פארמאגט, ער איז אן אמת'ער עושר. אט די ברכה באקומט מען פון צדקה, אז דער אויבערשטער געבט אים די מידה פון 'צופרידנקייט', אז ער באגנוגנט זיך מיט וואס ער האט, און ער שפירט זיך אלעמאל פרייליך און צופרידן.

דאס איז די כוונה פון דעם פסוק: "בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹהֶיךָ" - דורך די מצוה פון צדקה וועט דיר דער אויבערשטער בענטשן מיט עשירות, איי וועסטו פרעגן, עס זענען דאך דא נאך אסאך עשירים? אבער דער אמת איז: "כִּי לֹא יֶחְדַּל אֶבְיוֹן מִקֶּרֶב הָאָרֶץ" - נאטורליך ענדיגט זיך קיינמאל נישט דער ענין פון 'זיין אן ארעמאן', ווייל אפילו דער גרעסטער עושר שפירט זיך שטענדיג ווי אן ארעמאן, ווייל אגאנצן צייט גלוסט ער צו האבן מער, אבער אין זכות פון צדקה וועסטו מער נישט זיין קיין 'אביון', נאר דו וועסט זיין אן אמת'ער עושר, צו זיין אויפגעלייגט און צופרידן מיט וויפיל דו האסט[י].

---

[י] וזל"ק (כתב סופר): ועוד נ"ל דהנה כבר נתקשו ז"ל הא כתיב כי לא יהי' בך אביון וכאן אמר כי לא יחדל אביון וי"ל דהנה הבטחת השם כי בגלל הדבר הזה יברכך וכו' ובאמת אנו רואי' אבירי לב אכזרי' שמצליחים ויש להם הון רב אבל אמרו איזה עשיר השמח בחלקו שמסתפק במה שיש לו וברכה זו היא בזכות הצדקה נותן לו ה' מדת הסתפקות אבל הרחוק מן הצדקה אם שיש לו רב אבל אינו מסתפק בו והיינו כי בגלל הדבר הזה יברכך הגם שבלא"ה יש עשירי' רבים אבל בזה יברכך ה' שלא תהי' עוד אביון תאב עוד יותר כי בטבע לא יחדל אביון שתמיד הוא אביון ואינו עשיר השמח לכן אנכי מצוך פתוח תפתח שעי"ז יברכך שלא תהי' עוד אביון כדכתיב כי לא יהי' בך אביון וק"ל.

## - יג -

## די מצוה פון 'שמחת יום טוב' גייט נאר צוזאמען מיט איידלקייט

וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ (טז, טו).
און דו זאלסט זיין בלויז פרייליך [אין די ימים טובים]

הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען זי"ע איז מבאר (נועם אליעזר בפרשתן עמ' שי"ד), אז דער פסוק קומט מרמז זיין, אז כאטש עס איז א מצוה צו מרבה זיין בשמחה אום יום טוב, דאך שטייט די לשון 'והיית "אך" שמח', וואס די ווארט 'אך' איז א 'מיעוט'. און דער ספה"ק נועם מגדים (פ' תשא) שרייבט, אז די ווארט 'אך' ווייזט אויף די מדה פון 'ענוה', אז א מענטש איז זיך 'ממעט' און ער האלט זיך קליין. און דער נועם מגדים ברענגט דארט אז הרה"ק המגיד מזלאטשוב זי"ע, טייטשט מיט דעם דער פסוק (קהלת י ב) 'לב חכם לימינו ולב כסיל לשמאלו', אז דער חכם פירט זיך שטענדיג מיט די אותיות וואס זענען די רעכטע זייט (בעפאר) פון די אותיות 'לב', וואס דאס איז 'אך', דהיינו ער האלט זיך קליין. אבער דער טיפש פירט זיך מיט די אותיות וואס זענען די לינקע זייט (נאך) פון די אותיות 'לב', וואס דאס איז 'גם', א לשון פון 'ריבוי' און גאוה.

און דאס איז טאקע די מעלה וואס ליגט אין די טבע פון אידישע קינדער, אז אפילו אין א צייט פון שמחה און דערהויבנקייט, פירן זיי זיך מיט אן איידלקייט און מיט ענוה. אזוי ווי חז"ל (חולין פט.) דרש'ענן אויפן פסוק (לעיל ז ז) 'לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם', אז השי"ת האט אונז ליב וויבאלד אפילו ווען ער גיבט אונז גרויסקייט, דאך האלטן מיר זיך קליין.

דאס זאגט אונז דער פסוק אן: 'והיית אך שמח', אז אפילו אין יום טוב, וואס עס איז א מצוה צו זיין פרייליך, זאלסטו אכטונג געבן זאל די שמחה צו גיין מיט א איידלקייט און ענוה, נישט ח"ו מיט גאוה און פראסטקייט.

**- יד -**

---

**ווילסט זיין פרייליך? האלט זיך קליין!**

---

וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ (טז, טו).

און דו זאלסט זיין בלויז פרייליך [אין די ימים טובים]

נאך א אופן טייטש הרה"ק **בעל נועם אליעזר מסקולען** זי"ע (נועם אליעזר בפרשתן עמ' שט"ו), אז די פסוק זאגט אונז דא, אז די וועג ווי אזוי א מענטש קען זיין פרייליך, איז נאר דורך די מדה פון ענוה, ווייל איינער וואס איז א בעל גאוה קען קיינמאל נישט זיין עכט פרייליך, ווייל וואס ער זאל נאר האבן וועט ער קיינמאל נישט זיין צופרידן, און ער האלט אז עס קומט זיך אים מער, אזוי ווי חז"ל זאגן "מי שיש לו מנה רוצה מאתיים".

פארקערט אבער, דער וואס האלט זיך קליין, איז אייביג צופרידן מיט וואס ער האט, ווייל ער האלט אז עס קומט זיך אים נישט גארנישט, און ממילא וואס ער זאל נאר האבן איז מער וויפיל עס קומט זיך אים, וועגן דעם איז ער שטענדיג פרייליך. קומט אויס אז 'ענוה' איז דאס וואס ברענגט 'שמחה'. דאס זאגן דער פסוק 'והיית אך שמח', 'אך' איז א לשון מיעוט, ווייל נאר אויב דו האלטסט זיך קליין דעמאלטס וועסטו זיין פרייליך.

## - טו -

### פאל נישט אדיין אינעם יום טוב ווי א "ליידיג-גייער"!

**וְלֹא יֵרָאֶה אֶת פְּנֵי ה' רֵיקָם** (י, יב)

און עס זאל נישט געזען ווערן דער פנים פון באשעפער ליידיג

[אז מען זאל נישט קומען עולה רגל זיין ליידיג אן קיין קרבנות]

**הרה"ק בעל נועם אליעזר** מסקולען זי"ע טייטשט (נועם אליעזר בפרשתן עמ' שט"ו), אז דיווארט 'ריקם' גייט ארויף אויפן מענטש, אז ער זאל זיך נישט באווייזן פאר השי"ת ווען ער איז א מענטש וואס איז ליידיג פון תורה ומצות ומעשים טובים. ווייל אזוי רופט מען דאך איינער וואס איז א 'עם הארץ' און ער פארברענגט די צייט מיט גארנישט, רופט מען אים א "ליידיג-גייער". און אזוי שטייט אויך אין פסוק (שופטים יא ג) "ויתלקטו אל יפתח אנשים ריקים".

און די תורה זאגט אונז אן: 'ולא יראה את פני ה' ריקם', אז א מענטש דארף זיך צוגרייטן א גאנצע יאר מיט תורה און מצות און מעשים טובים, אז ווען עס וועלן קומען די 'שלש רגלים', און ער וועט זיך דארפן באווייזן פאר השי"ת, זאל ער זיך נישט באווייזן פאר אים ווי א ליידיגער מענטש, וואס איז ליידיג פון מצות און מעשים טובים ח"ו, ווייל וואס פאר א פנים האט דאס זיך צו באווייזן אזוי פארן הייליגן באשעפער. ממילא דארף מען זען א גאנץ יאר זיך צו אנצופילן מיט וואס מער תורה ומצות ומעשים טובים.